בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון נ"ט

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת קדושים שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת צַו, שְׁנַת תשפ"ג

## • זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת צו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה

עֶס דַארְף זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֵיינְט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז אַז בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט עֶסְט מֶען נִישְׁט.

מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן צוּ לַאנְגֶע שִׁיעוּרִים, מֶען קֶען נִישְׁט הַאלְטְן קִינְדֶער צוּ לַאנְג אוֹיף אֵיין פְּלַאץ. אִיבֶּערְהוֹיפְּט דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן דְרֵיי יָאר, קֶען מֶען נִישְׁט הַאלְטְן אֲפִילוּ פַאר צְוָואנְצִיג מִינוּט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, מֶען דַאוֶועְנְט אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, אָדֶער זִינְגְט מֶען מִיט זֵיי אַבִּיסְל נִיגוּנִים פוּנֶעם יוֹם טוֹב וָואס קוּמְט, אִין דִי פָּאר טֶעג וָואס מֶען הָאט נָאךְ בִּיזְ'ן הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח דַארְף מֶען אוֹיסְנִיצְן נָאכְאַמָאל זִינְגֶען מִיט זֵיי: **"קַדֵּשׁ", "טַאטֶע לֶעבְּן", "אַ מְחַיֶה פֶּסַח", "אַ מְחַיֶה מַצָּה", "אַ מְחַיֶה אִידִישְׁקֵייט", "אַ מְחַיֶה צְנִיעוּת", "אַ מְחַיֶה צוּ זַיין אַ אִיד"**, נָאךְ פוּפְצְן מִינוּט דַארְף מֶען זֵיי שׁוֹין לָאזְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פוּן פְּלַאץ אוּן אַרוּמְגֵיין.

אוֹיךְ דַארְף מֶען וִויסְן וִויפִיל מָאל אַ טָאג מֶען קֶען זֵיי אַוֶועק זֶעצְן פַאר פוּפְצְן מִינוּט.

אֲפִילוּ דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט הַאלְטְן צוּ לַאנְג אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, אָן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן אָן זִיךְ רִירְן, מֶען גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר פוּן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אַ דְרֵיי פֶערְטְל שָׁעָה, מֶערְסְטְנְס אַ שָׁעָה, דֶערְנָאךְ קֶענֶען זֵיי אַרוֹיס גֵיין כַאפְּן אַ טְרִינְק אוּן גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא, צוּמָאל קֶען מֶען אוֹיךְ מַאכְן אַ קְלֵיינֶע רִיסֶעס.

### עֶס מוּז זַיין הַארְץ

אָבֶער אוֹיבּ הָאט דָאס קִינְד יָא גֶעגֶעסְן אִינְמִיטְן שִׁיעוּר, וִויל אִיךְ נִישְׁט אַז דִי סְקוּל זָאל וֶוערְן גֶעפִירְט מִיט אַ סִיסְטֶעם, אָן קַיין הַארְץ אוּן גֶעפִיל, עֶס מוּז זַיין הַארְץ, דִי לֶערֶערִין דַארְף וִויסְן יֶעדֶעס קִינְדְ'ס תְּכוּנַת הַנֶּפֶשׁ אוּן נַאטוּרְן, בַּיי וֶועם מֶען דַארְף יָא זֶען אוּן בַּיי וֶועם מֶען דַארְף זִיךְ צוּמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט זֶען, פַאר וֶועם מֶען קֶען זָאגְן שְׁטְרֶענְג אוּן פַאר וֶועם מֶען דַארְף עֶס זָאגְן מֶער רוּאִיג. בָּרוּךְ ה' דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט שׁוֹין פוּפְצְן יָאר, עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס מֶען אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁטְרֶענְג, אוּן עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס צוּ אֵיינֶעם אִיז מֶען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוּן צוּ אֵיינֶעם נִישְׁט, דָאס אַרְבֶּעט דוּרְךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה', אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג פַאר יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער, צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן.

### צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר

וֶוען מֶען וִויל זָאגְן 'מוּסָר' אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען עֶס זָאגְן. בָּרוּךְ ה' יֶעצְט גֵייעֶן אַלֶע תַּלְמִידוֹת אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן וואוֹיל, אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וָואס עֶס זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל תַּלְמִידוֹת וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף; אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זָאגְן, אָדֶער זָאגְט מֶען: **"דוּ בִּיסְט אַ פְּרִיצוּת'דִיגֶע מֵיידְל!"** אָבֶער בֶּעסֶער אִיז אַז מֶען זָאגְט: **"דוּ בִּיסְט זֵייעֶר זֵייעֶר שֵׁיין", "דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג"**, אוּן אַזוֹי וֶועט זִי שׁוֹין אַלֵיין וֶועלְן גֵיין צְנִיעוּת'דִיג, נָאכְדֶעם קֶען מֶען שׁוֹין זֶען בַּיי יֶעדֶע קִינְד בַּאזוּנְדֶער 'וֶוען' צוּ זָאגְן אוּן 'וִויפִיל' צוּ זָאגְן. דִי לוּפְט אִין כִּתָּה דַארְף זַיין אַז 'אַלֶע' קִינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, צְנִיעוּת'דִיג, אֵיידְל, בַּאטַעמְ'ט אוּן עֶרְלִיךְ.

### אִין אָפִּיס וֶועט נִישְׁט זַיין גְרִינְגֶער

אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, זִי הָאט גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ מֶער זִיךְ צוּ מוּטשֶׁענֶען מִיט אִירֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: **"יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִויפִיל כֹּחַ עֶר וֶועט הָאבְּן אוּן וִויפִיל עֶר זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען וְכוּ', דֶערְפַאר אַז עֶס אִיז אַייךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן כֹּחַ, מֵיינְט נִישְׁט אַז אָן קִינְדֶער וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער, פְרֵיידְט זִיךְ אַז אַייעֶר פְּלָאג, אַרְבֶּעט אוּן כֹּחַ גֵייט אַרַיין אִין אַייעֶרֶע קִינְדֶער".**

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ מְחַנֶּכֶת; עֶס קֶען זִיךְ אַמָאל דַאכְטְן, 'אַז אִיךְ וֶועל אַרְבֶּעטְן אִין אַ אָפִּיס, נֶעבְּן אַ פִּישׁ טַאנְק, מִיט אַ פֵייגְל נֶעסְט, וואוּ עֶס שְׁפִּילְט מוּזִיק, אוּן עֶס רִינְט דָארְט וַואסֶער - וֶועט מִיר זַיין גְרִינְגֶער'; עֶס אִיז נִישְׁט אֶמֶת, וַוייל אוֹיבּ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין כֹּחַ וֶועט אִין אָפִּיס נִישְׁט זַיין גְרִינְגֶער.

### דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט פְרִישֶׁע כֹּחַ

אַז מֶען וִויל הָאבְּן כֹּחַ קֶען מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וִוי וֶוען אַ בֶּעטֶערִי גֵייט אוֹיס, שְׁטֶעקְט מֶען דָאס אַיין אוּן עֶס פִילְט זִיךְ צוּרִיק אָן, דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט וִוי דִי גַאנְצֶע כֹּחַ פוּנֶעם טָאג הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶענִיצְט, אִיז דָא אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק אָנְפִילְן מִיט כֹּחַ, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט נֵייעֶ בֶּעטֶערִי, פְרִישֶׁע כֹּחַ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

### אַ צְוֵוייטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער

גֶעוֶוענְלִיךְ הָאבְּן לֶערֶערִינְס מֶער לִיבּ דִי תַּלְמִידוֹת וָואס הֶערְן אוֹיס, זֵיי וִוילְן הֶערְן נָאךְ אַ שְׁמוּעֶס אוּן נָאךְ שְׁמוּעֶס, אוּן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דִי שְׁמוּעֶסְן - זֵיי הָאט מֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, דַארְף מֶען וִויסְן, אַ לֶערֶערִין אִיז אַ צְוֵוייטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער; אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער, וָואס טוּט דִי מַאמֶע לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם וֶוען אֵיין קִינְד שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, עֶר אִיז שְׁוַואךְ אוּן פְּרָאבְּלָאמַאטִישׁ? מֶען זֶעט אַן

## • לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער

אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דִי מַאמֶע לָאזְט אָפּ אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, זִי צֶעטֵיילְט זֵיי צְווִישְׁן אִירֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, אוּן פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶעם קִינְד, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף זִיךְ דִי לֶערֶערִין בְּעִיקָר פַּארְלֵייגְן צוּ כַאפְּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שְׁוֶוער, אוּן עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גָארְנִישְׁט, אוּן זֵיי גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, אַ גוּט וָוארְט, זֵיי וַוייזְן דָאס מֶערְסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט.

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת. אַז מֶען טוּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן מֶען טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועט אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְן, אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

### וֶוען וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט פַאר מִיר?

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶס זֶענֶען דָא לֶערֶערִינְס וָואס טְרַאכְטְן: **'אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אַזוֹיפִיל אַוֶועק פַאר תַּלְמִידוֹת, וֶוען וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט פַאר מַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן?'** זָאלְט אִיר וִויסְן, מֶען קֶען אַ גַאנְצְן טָאג אַרוּמְגֵיין אִין גֶעשֶׁעפְטְן אוּן צוּם סוֹף הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן... וִוידֶער אַז מֶען טוּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער - קוּמְט אַרַיין דִי בְּרָכָה, מֶען גֵייט אַרַיין אִין אֵיין גֶעשֶׁעפְט אוּן מֶען טְרֶעפְט דָאס וָואס יֶענֶער הָאט גֶעדַארְפְט זוּכְן אַ גַאנְצְן טָאג, עֶס זֶעט אוֹיס מַמָּשׁ וִוי מֶען הָאט דָאס אָנְגֶעגְרֵייט פַאר מִיר.

מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ וואוּנְדֶערְן: **"וואוּ הָאסְטוּ דָאס גֶעטְרָאפְן? אִיךְ בִּין דָאךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיי יֶענֶעם גֶעשֶׁעפְט, וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ גֶעטְרָאפְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע זַאכְן?"** דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, אַז מֶען טוּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן מֶען טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב אוּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

◆◆◆

### מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.

### אַ מְלַמֵּד דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרֵי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א'): **"אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לִמְחוּזָקִין"**, חִיזוּק דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר דִי וָואס גֶעבְּן חִיזוּק פַאר אַנְדֶערֶע. אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין חִינוּךְ הַיְלָדִים אוּן יְלָדוֹת; מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס, מְנַהֲלִים אוּן מְנַהֶלֶתְ'ן, אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד דַארְפְן הָאבְּן אַסַאךְ חִיזוּק. מֶען דַארְף אַסַאךְ אַסַאךְ חִיזוּק ווי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ'ע זַאךְ צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, מֶען אַרְבֶּעט מִיט נְשָׁמוֹת.

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין קֶען 'גֶעבְּן לֶעבְּן' פַאר אַ קִינְד אוּן קֶען 'אַוֶועקְנֶעמֶען לֶעבְּן' פוּן אַ קִינְד!

### פַארְוָואס מַיין קִינְד הָאסְטוּ נִישְׁט לִיבּ?!

אִיךְ וִויל עֶנְק מְחַזֵּק זַיין מֶען זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת.

פָארִיגֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִין חֵדֶר, אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אִים אַבִּיסְל שְׁוֶוער מִיט 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין כִּתָּה אוּן מַאכְן אַבִּיסְל אָרְדֶענוּנְג, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם מְלַמֵּד **"שְׁרַייבּ מִיר אַרָאפּ אוֹיף אַ צֶעטְל אַלֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אֵייבִּיג יָא דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אַזוֹי וֶועל אִיךְ וִויסְן וֶוען אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ דִיר אִין כִּתָּה וֶועמֶען אִיךְ זָאל אוֹיפְהֵייבְּן אוּן וֶועמֶען אִיךְ זָאל אַבִּיסְל מְחַזֵּק זַיין צוּ זַיין בֶּעסֶער"**, דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל מִיט אַלֶע נֶעמֶען, סֵיי דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אוּן סֵיי דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען אַז אֵיינֶער פוּן דִי נֶעמֶען פוּן דִי אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶע קִינְדֶער אִיז אַ קִינְד וָואס אַ גַאנְץ יָאר לֶערְנְט עֶר בַּיי אַ צְוֵוייטֶער מְלַמֵּד, (אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאגְן וָואס, וֶוען אוּן וואוּ), וָואס דֶער צְוֵוייטֶער מְלַמֵּד פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּ מִיר אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט אוֹיס פוּן דֶעם קִינְד, דֶער קִינְד לָאזְט אִים מַמָּשׁ נִישְׁט אָטֶעמֶען, אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ וִוי דֶער קִינְד אִיז פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע, דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס וואוּנְדֶער. וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין כִּתָּה אִיז שׁוֹין נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ דֶערְצֵיילְן, וֶועם אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהוֹיבְן, אוּן וֶועם אִיךְ הָאבּ מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶעם מְלַמֵּד אִין אַ זַייט אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט: **"זָאג מִיר, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז דֶער קִינְד אִיז דַיין בֶּעסְטֶער אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער תַּלְמִיד? אַ גַאנְץ יָאר נֶעמְט עֶר אַרוֹיס דָאס בְּלוּט פוּן זַיין מְלַמֵּד"** עֶר הָאט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, בַּיינַאכְט שְׁרַייבְּט עֶר מִיר: **"אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער אִיךְ וִויל זַיין אָפְן מִיט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וֶועל אִיךְ שְׁרַייבְּן דֶעם אֱמֶת, דֶער פָּנִים פוּן דֶעם קִינְד גֶעפעלט מִיר זֵייעֶר, פַאר מִיר אִיז עֶר זֵייעֶר אַ זִיס קִינְד, עֶר הָאט נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶוען אִין מַיינֶע אוֹיגְן, דֶערְפַאר פוּן וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין כִּתָּה אִיז עֶר מַיין בֶּעסְטֶער קִינְד, וַוייל אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ"**.

דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט צוּ הֶערְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: קוּמְט אוֹיס, אַז מַיין אִינְגְל וָואס זַיין נָאמֶען שְׁטֵייט צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אִיז דָאס פָּשׁוּט וַוייל מַיין זוּן הָאט נִישְׁט אַזַא זִיסֶער פָּנִים?, דֶערְפַאר לֵייגְסְטוּ מַיין זוּן אִין דִי זַייט?! אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דָא גֵייט פָאר, עֶס קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִיר, וַוייל אִיךְ זֶע, דָא אִיז דָא אַ קִינְד וָואס אַ גַאנְץ יָאר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא קַיין וֶועג מִיט אִים, וֶוען עֶר קוּמְט צוּ דִיר אוּן דוּ הָאסְט אִים לִיבּ, זָאגְסְטוּ אִים אַנְדֶערְשׁ, דוּ רֶעדְסְט מִיט אִים אַנְדֶערְשׁ, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט לִיבּ מַיין קִינְד? פַארְוָואס שְׁטֵייט מַיין זוּן צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג? אִיךְ הָאבּ אַרוֹיס גֶענוּמֶען דְרֵיי הוּנְדֶערְט דָאלֶער פוּן טַאשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט **"דָא הָאסְטוּ"**, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ דִיר חַנְפָה'נֶען, אַזוֹי וֶועסְטוּ אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן מַיין קִינְד.

### קִינְדֶער שְׁפִּירְן מִיט צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן צוּ מֶען הָאט זֵיי לִיבּ

נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ מוּז נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּן דֶעם; **"מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער"**, אַ קִינְד שְׁפִּירְט מִיט צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן, צִי מַיין רֶבִּי, מַיין לֶערֶערִין הָאט מִיךְ לִיבּ, צִי מַיין רֶבִּי הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג מִיט מִיךְ, צִי מַיין לֶערֶערִין הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג מִיט מִיךְ.

עֶס מֵיינְט נִישְׁט יֶעצְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ גֵיין צֶעבְּרֶעכְן אוּן זָאגְן 'אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג אִין אַלֶעס', וַוייל עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען טַאקֶע שְׁוֶוער, אָבֶּער פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע הָאט קִינְדֶער וָואס עֶס גֵייט אִים גְרִינְגֶער אוּן קִינְדֶער וָואס עֶס גֵייט זֵיי שְׁוֶוערֶער, מִיט דֶעם אַלֶעס הָאט עֶר יֶעדְן לִיבּ, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין לִיבּ הָאבְּן יֶעדֶעס קִינְד אוּן טְרֶעפְן אַ וֶועג צוּ יֶעדְן.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

וָואס טוּט מֶען אַז דִי קִינְדֶער ווילְן נִישְׁט פָּאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן? אִיר הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, י״ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין.

עֶס אִיז נִישְׁט דַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז דַיינֶע קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם אַז זֵיי פָּאלְגְן נִישְׁט. אַזוֹי אִיז דֶער דֶּרֶךְ הָעוֹלָם; קִינְדֶער זֶענֶען ווילְד, לֶעבֶּעדִיג אוּן נִישְׁט הֶערְעווֹדִיג, קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט וֶוען מֶען רוּפְט זֵיי - נִישְׁט בַּיי אֵיין מָאל אוּן אוֹיךְ נִישְׁט בַּיי צְוֵויי מָאל, דִי גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט צוּ פָּאלְגְן וְכוּ'.

יֶעצְט נָאכְן הֶערְן דִי הַקְדָּמָה וֶועט דִיר זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער זֵיי מְחַנֵךְ צוּ זַיין; דוּ וֶועסְט נִישְׁט ווֶערְן אוֹיסֶער זִיךְ אוּן פַארְלִירְן וְכוּ' וֶוען דוּ וֶועסְט זֵיי עֶפֶּעס הֵייסְן אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הֶערְן, נָאר דוּ וֶועסְט רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז זֵיי וֶועלְן פָּאלְגְן.

נָאךְ אַ זַאךְ אִיז וִויכְטִיג צוּ ווִיסְן, וֶוען מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער 'נֵיין' וְכַדוֹמֶה, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן שוּלְדִיג וֶוען מֶען זֶעט ווִי זֵיי הוֹיבְּן אָן בְּלָאזְן אוּן מַאכְן אַ בְּרוֹגֶז פָּנִים וְכוּ'. אוֹיבּ מֶען לוֹיפְט צוּ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען הוֹיבְּט זֵיי אָן פַארְגִיטִיגְן, מַאכְט דָאס אַז זֵיי זָאלְן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי עֶלְטֶערְן, ווַיילְ אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע ווֶערְט גְרִינְגְשֶׁעצְט. קִינְדֶער דַארְפְן ווִיסְן אַז אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ זָאגְן 'נֵיין'; 'קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין דָארְט'; 'מִיר קוֹיפְן דָאס נִישְׁט'; וְכַדוֹמֶה, בְּלַייבְּט דָאס אַזוֹי, אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ שוּלְד גֶעפִיל [גִילְטִי קַאנְטְשֶׁעס] אוּן צוּרִיקְצִיעֶן.

וְעַל כּוּלָם דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן אֲפִילוּ אֵיין טָאג פוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, ווַיילְ תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי ווֶעלְט, בִּפְרַט תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עַל דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה.

...

(עצות אמונה חלק ז' מכתב תקפ״ז)

## ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ ווִילְד אִינְגְל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

קוֹדֶם כֹּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אֵייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים ווֶעלְכֶע הֶעלְפְן אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס אִין לֶעבְּן.

מִיר הָאבְּן גֶעווָאלְט פְרֶעגְן וֶועגְן אוּנְזֶער פִינְף יֶערִיג אִינְגְל. עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁווֶער אֵיינְצוּזִיצְן סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי אִין חֶדֶר, אוּן אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט עֶר צוּ הֶערְשְׁן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן. ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים? מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מִיט גוּטְס, אִים צוּ גֶעבְּן בַּאלוֹינוּנְגֶען אוּן דָאס גְלַייכְן וֶוען עֶר אִיז ווָאויל, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן.

אוֹיךְ הָאט עֶר לִיבּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִים, הָאבְּן מִיר גֶעווָאלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי מִיר זָאלְן אִים שִׁיקְן צוּ אַ פְּלַאץ ווָאו מֶען קֶען שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִים, ווִי צוּם בַּיישְׁפִּיל הִינֶער אוּן קַאטְשְׁקֶעס אוּן אַזוֹי ווַייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ ווַייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט אֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י״ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.**

עֶלְטֶערְן ווָאס ווילְן זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, גוּטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, ווַיילְ חִינוּךְ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע זַאךְ. חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁווֶערֶע עֲבוֹדָה, מֶען דַארְף ווִיסְן ווִיפִיל צוּ זָאגְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן, ווִי שְׁטְרֶענְג מֶען דַארְף גֵיין וְכוּ'; אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין כּוֹחוֹת אִין דִי קִינְדֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַסַאךְ תְּפִילָּה, שְׁנֵיידְט מֶען שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

דָאס ווָאס אִיר שְׁרַייבְּט: 'ווִיפִיל מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין מִיט גוּטְס וְכוּ' גֵייט עֶס נִישְׁט'; אַסַאךְ מָאל, ווַיילְ מֶען גֶעבְּט אַסַאךְ גוּטְס, דַוְקָא דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְווָאס עֶס גֵייט נִישְׁט. מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג - צוּ פָּאלְגְן, וֶוען אַ קִינְד פָּאלְגְט ווָאס מֶען הֵייסְט אִים, קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט דִי ווֶעלְט פַאר דֶעם; וֶוען אַ קִינְד עֶסְט אוֹיף דִי נַאכְטְמָאל אָדֶער נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי שְׁפִּילְצַייג וְכוּ' קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט פַאר דֶעם אַ בַּאלוֹינוּנְג, אַ קִינְד דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין צוּ פָּאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, ווַיילְ מֶען דַארְף פָּאלְגְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין: 'אוֹיבּ וֶועסְטוּ פָּאלְגְן...' אָדֶער: 'אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פָּאלְגְן...'

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם אִים צוּ טְרָאגְן זֶען בַּעֲלֵי חַיִים וְכוּ'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווָאס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים ווָאס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קֵיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד ווָאס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד ווָאס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד ווָאס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים ווַייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען מְשַׁחֵד זַיין קִינְדֶער מִיט בַּעֲלֵי חַיִים וְכוּ' זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען פְלֵייסִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצות אמונה חלק ג', מכתב ק״ע)

המשך **בִּדְיוֹן פוּן חִינוּךְ**

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי קִינְדֶער וֶוען עֶס פְּלִיעֶן רַאקֶעטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסאךְ כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ וואוֹין אִין דָרוֹם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואוּ עֶס פְּלִיעֶן אַסאךְ מָאל אַרַיין רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶּער, אוּן מֶען דַארְף לוֹיפְן זִיךְ בַּאשִׁיצְן. דִי קִינְדֶער וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פַאר דֶעם, זֵיי הוֹיבְּן אָן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס פַאר אוּנְז, אוּן דָאס גְלַייכְן. ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַזֵק דִי קִינְדֶער? ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען זֵיי? אוּן ווִי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אִין זֵיי אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס פְּלִיעֶן רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶּער דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט צוּ בַּארוּאִיגְן קִינְדֶער וְכוּ'; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן אִין דִי שְׁטוּבּ, אִיז דוּרְךְ רֶעדְן כְּסֵדֶר פוּן אֱמוּנָה. נָאךְ בֶּעפָאר עֶס פְּלִיעֶן דִי רַאקֶעטְן וְכוּ', וֶוען עֶס אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַיינְפְלַאנְצְן אֱמוּנָה, נָאכְדֶעם וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ הָאט מֶען כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען דַארְף אַסאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, מִיט מַיין מוֹיל דֶערְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אִיז דָאס אַלֵיינְס אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "יָא", נָאר עֶנְטְפֶער: "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "גוּט", עֶנְטְפֶער: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דָאס גֵייט אַרַיין צוּבִּיסְלִיךְ אִין זִיךְ, אִין דִי ווַייבּ אוּן אִין דִי קִינְדֶער, אַזוֹי פַאלְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים אוּן אַלֶע שְׁרֶעק.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אוּן קְלֵיינְטְשִׁיג אַסאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוארְט נִישְׁט זֵיי זָאלְן עֶלְטֶער וֶוערְן; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, מֶען מֵיינְט אַז חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער, מֶען שְׁפִּירְט נַארִישׁ צוּ רֶעדְן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה וְכוּ'; עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, אַזוֹי ווִי מִיר וַוייסְן דִי מַעֲשֶׂה אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַ קִינְד, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט צַייט מִיט אַ קִינְד, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן צוּפְלַאמְט אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ נִיגוּן: "אָט אִיז מֶען אַ קִינְד, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן אָט פִירְט מֶען שׁוֹין צוּ דִי קְבוּרָה"; ווִי אֵיינֶער זָאגְט, 'וָואס זָאגְסְטוּ עֶר אִיז אַ קִינְד, אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען צַייט מִיט אִים, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ דְרֵיי אוּן מֶען אִיז שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד', אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צז:): "מַטְבֵּעַ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ - זָקֵן וּזְקֵנָה מִצַּד אֶחָד, וּבָחוּר וּבְתוּלָה מִצַּד אַחֵר", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט אַ מַטְבֵּעַ וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְד פוּן אַ אִינְגְל מִיט אַ מֵיידְל אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְד פוּן אַן אַלְטֶער אִיד מִיט אַ אַלְטֶע אִידֶענֶע; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט דִי מַחְשָׁבָה: 'אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר אוּן אָט אִיז מֶען שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד, אָט אִיז מֶען אַ מֵיידְל אוּן אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶע אִידֶענֶע'.

אַז מֶען ווִיל פוֹעֶלְ'ן בַּיי קִינְדֶער דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין, דֶעמָאלְט וֶוערְט אַרַיין גֶעקְרִיצְט דִי אֱמוּנָה אִין זֵיי, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן קוּמְט אַרוֹיס זֵייעֶר אֱמוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָהוּ יז, ז-ח): "בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה' וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ", וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, "וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל מַיִם", דֶער אִיז גְלַייךְ צוּ אַ בּוֹים וָואס אִיז אַיינְגֶעפְלַאנְצְט נֶעבְּן וַואסֶער, "וְעַל יוּבַל יְשַׁלַּח שָׁרָשָׁיו", עֶר אִיז ווִי אַ בּוֹים וָואס דִי ווָארְצְלֶען זֶענֶען אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין וַואסֶער, "וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבֹא חֹם", עֶס וֶועט אִים נִישְׁט שָׁאטְן קַיין הֵייסֶע טֶעג, "וְהָיָה עָלֵהוּ רַעֲנָן", דִי בְּלֶעטֶער הַאלְטְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרִישׁ, "וּבִשְׁנַת בַּצֹּרֶת לֹא יִדְאָג", וֶוען עֶס אִיז דָא אַ טְרִיקֶענִישׁ וֶועט עֶר נִישְׁט זָארְגְן, "וְלֹא יָמִישׁ מֵעֲשׂוֹת פֶּרִי", עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְגֶעבְּן פֵיינֶע פְרוּכְט, אַזוֹי אִיז דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט וֶועט אִים נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פְלַאנְצְט דָאס אַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר זֶען שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בא, תש"פ)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876